יצא לאור ע"י
**חבורת להתעדן באהבתך**
מטרתו: להוסיף חיות והתרוממות הנפש בעסק התורה ומצות ע"י לימוד ספרי מוסר וחסידות והתבוננות במצות ה' ודרכי העבודה

# להאיר

וכהם נהגה יומם ולילה
התאחדות אברכים
שע"י קהל יטב לב ד'סאטמאר

חבורת
להתעדן באהבתך
**מטרה:** להוסיף חיות והתבוננות בלימוד התורה וקיום המצות

גליון ח' • פרשת בשלח-יתרו תשפ"ג לפ"ק


## טעם עדן
א חסידיש ספר-מוסר ספר געלערנט מיט טעם און געשמאק

מתוך השיעור בספה"ק מאור עינים
ע"י הרה"ג ר' **שאול יודא שידלוי** שליט"א

הנני ממטיר לכם לחם מן השמים

# די השפעה קדושה פונעם מן

## וואס ווערט נתעורר ווען מיר זינגען דעם שירת הים

בדרך כלל זענען מיר געוואוינט אז וואס איז געווען די מתנה פון מן וואס די אידן האבן געהאט אין מדבר? אז דאס מיינט א רוחניות'דיגע שפע פון הימל, און קיין גשמיות'דיגע לבוש, אבער וויבאלד על פי תורת החסידות ווייסן מיר דאך אז די גאנצע תורה איז שייך ביי יעדן מענטש און אין יעדן זמן, אויב אזוי איז דאך פאסיג זיך מתבונן צו זיין וויאזוי איז פאר אונז היינט אויך שייך די השפעה און קדושה פון **די מן?**

לערנט אונז די הייליגער מאור עינים זי"ע, אז די פשט איז, **אז באמת ביים אייבירשטן איז נישט געווען קיין שום שינוי** צווישן די מן און עפעס אנדערש, אבער וויפיל די נבראים זענען מקבל פון דעם שפע וואס דער אייבערשטער איז משפיע איז דא א גרויסע נפק"מ.

מיר וועלן מקדים זיין וואס עס איז ידוע, אז דער **הייליגער רבי פון לובלין** זי"ע האט אסאך עוסק געווען ממשיך צו זיין עשירות פאר אידן, שרייבט ער אין זיינע הייליגע ספרים אז ווען עס קומט פרנסה פון הימל קומט אויך מיט יראת שמים, און אזוי אויך ווען מען איז מתפלל אויף פרנסה איז מען אויך מתפלל אויף יראת שמים, ווייל אין יעדע דבר גשמי ליגט דערין יראת שמים, ווייל יעדע שפע וואס קומט פון אויבן איז באמת א רוחניות'דיגע שפע וואס ווערט נשתלשל און נתגשם ביז ווען מיר זעען עס פאר אונזערע אויגן ווי א דבר גשמי.

> "וכן היום יש גם כן קריעת ים סוף ואחר כך בא המן, כי בכל יום אנו אומרים השירה על הים, וצריך לצייר בדעתו כאלו אומר שירה על הים כבאותו פעם, ונעשה באמת למעלה בחינת קריעת ים סוף כנודע כשאומר בכוונה שלימה כאמור בזוה"ק מזה, ואח"כ מקבל כל אחד החיות כאמור לפי בחינתו".
>
> אויך היינטיגע צייטן, ווען מיר זאגן דעם שירה מיט כוונה און שמחה אזוי ווי שטייענדיג ביים ים, ווערט נתעורר די בחינה פון קריעת ים סוף, און מיר זענען דערנאך זוכה דורכדעם צו די השפעה פון מן.
>
> (מאור עינים פרשת בשלח)

א גוי, און אזוי אויך אלע אנדערע נבראים ווען זיי באקומען די שפע פון הימל, כאטש עס ליגט דערין באהאלטן א פנימיות'דיגע רוחניות'דיגע כח, אבער זיי האבן נישט קיין שייכות מיט די פנימית פון די זאך נאר בלויז מיטן חיצונית, און דערפאר באקומען זיי נישט דערפון קיין יראת שמים.

אנדערש איז אבער א איד, ער האט די עיקר שייכות צו די רוחניות'דיגע חלק פון יעדע מאכל און דבר גשמי, ער קען באקומען דערפון יראת שמים און נתקדש ווערן פון א דבר גשמי, אט די מתנה האבן מיר באקומען ביי די מן וואס איז געפאלן פון הימל, די זאך אז מען קען זיך מחבר זיין צו די רוחניות'דיגע חלק פון די מאכל און דערהויבן ווערן דערפון, נאר דאן אין די מדבר ווען די אידן זענען געווען ראוי האבן זיי געזעהן בחוש מיט זייערע אייגענע אויגן די רוחניות שבו, מה שאין כן היינט איז עס מלובש און באהאלטן.

[דערפאר האט די אייבירשטער געהייסן פאר משה רבינו **קח צנצנת אחת והנח אותו לפני ה' למשמרת לדורותיכם**, דאס איז געווען א ספעציעלע ציוו לטובת די שפעטער'דיגע דורות ווען עס וועט שוין זיין באהאלטן, און מען וועט נישט אזוי אנערקענען די רוחניות'דיגער כח וואס ליגט באהאלטן אין יעדע דבר גשמי, דאן וועט מען דאך דארפן האבן א שלימות הדעת זיך צו קענען מחבר זיין און טרעפן די רוחניות'דיגע כח דערין, דערפאר איז **משה רבינו** - וואס ער איז געווען די שלימת הדעת - נצטווה געווארן **קח צנצנת אחת ותן שמה**, אז מיט זיין כח זאל ער משפיע זיין אז אפילו ווען עס ליגט שוין באהאלטן אין א כלי זאל מען זיך קענען דערצו מחבר זיין און אנערקענען די פנימיות פון די זאך, נישט קיין חילוק צי עס קוקט אויס ווי **מן** אדער עס קוקט אויס ווי **געלט**, אדער סיי וועלכע אנדערע גשמיות'דיגע זאך.]

**אזוי אויך אין דעם אופן פון המשכת השפע האט כלל ישראל זוכה געווען צו א נייע גרויסע מדרגה דורך דעם מן.**

באמת איז דאך השי"ת אויך משפיע פאר די גאנצע וועלט, **כי לעולם חסדו** מיט זיין גרויסן חסד, אבער כלל ישראל האט באקומען א גרויסע מתנה אז מיט זייערע דיבורים קענען זיי ממשיך זיין פרישע שפע, **"ויצא העם ולקטו דבר יום ביומו", ועל ידי מה יהיה ההמשכה, דבר יום ביומו, רצה לומר על ידי הדיבורים שמדברים מידי יום ביומו בדיבורי האמת והתורה.** ווייל א גוי באקומט דאס וואס איז פאר אים אנגעשריבן פון אויבן, און עס דאכט זיך אים אז ער איז דער וואס טוט, און מאכט אלעס, אבער דאס איז באמת בלויז די צורה וויאזוי השי"ת האט אויסגעשטעלט די וועלט אז באופן זה זאל ער באקומען וואס עס איז שוין סייווי אנגעשריבן פאר אים, מה שאין כן א איד קען באשאפן וועלטן מיט זיינע ווערטער וואס ער זאגט ארויס פון מויל, האט ער א כח צו פועלן ישועות, און ממשיך צו זיין פרישע שפע. ווען די

המשך בעמוד ד'


ושים חלקינו עמהם

והיו נכונים ליום השלישי
**קומענדיגן דינסטאג פרשת יתרו הבעל"ט**
הייבן און הונדערטער אנשי שלומינו צו לערנען אינאיינעם

ספה"ק
**סידורו של שבת**
חלק ב

מתוך שיעור
ע״י הרה״ג ר׳ **בנציון אפפעל** שליט״א

עבודת ימי השובבי״ם

# והתקדשתם והייתם קדושים

## סגולת ימי השובבי״ם

עס איז ידוע אז די וואכן, פון די ימי השובבי״ם, זענען מסוגל צו תיקון וזיכוך הנפש, ווי ס׳איז מבואר אין די ספה״ק בשם דער אר״י הקדוש, אז די גאנצע סדר פון גלות וגאולת מצרים וואס איז געווען, כדי דורכדעם מזכך צו זיין כלל ישראל צו זיין ראוי צו באקומען די תרי״ג מצות און די גרויסע התגלות וואס איז געווען ביי מתן תורה, אז דאס איז נישט נאר א מעשה שהיה אין מצרים, נאר די עבודה און סגולה איז שייך לדורות עולם ביי יעדן איד, און אין די וואכן איז קריאה מעורר הזמן און ספעציעל מסוגל זוכה צו זיין דערצו.

דערפאר האט דער אר״י הק׳ מסדר געווען א ספעציעלע סדר תעניות פאר די וואכן, כדי אראפצונעמען דורך דעם די זוהמא און פגם הנשמה, און נאך פיל מער פון דעם, אז דער גאנצער גוף זאל זיך הייליגן פאר השי״ת, און זיין א כלי ראוי לקבל די שפע און אור ה׳.

און כידוע האט מען ביי חסידים נישט געמאכט דער עיקר עסק פון די תעניתים, נאר בעיקר עוסק געווען אין די תכלית וואס די תעניתים דארפן צוברענגען, כדי זיך נישט טועה צו זיין און מאכן די טפל פארן עיקר, דערפאר דארף מען זיך מתבונן זיין אין די עיקר המכוון, און וואס איז אונזער עבודה אין די טעג.

## והתקדשתם

עס איז ידוע די ווארט פון בעש״ט הק׳ זי״ע, אז א שטארקע דגוש דארף מען לייגן אויף די דריי זאכן וואס איז מרומז אין די ר״ת פונעם ווארט **אמ״ן**, וואס דאס איז, **א**׳כילה, **מ**׳מון, **נ**׳שים, און אין דעם איז תלוי די עיקר קדושה פון א איד. און אין די נושא פון ״קדושה״ איז ידוע האט מען ביי חסידים געמאכט גאר א שטארקע עסק, און מיט א געוואלדיגע עבודה, עד כדי כך אז די מעסטער אויף א איד צו ער איז א חסיד צו נישט, איז בעיקר געווען אין צוויי ענינים, 1. קדושה, 2. ביטול והכנעה, און דעריבער האט מען ביי חסידים געזען גאר שטארקע זהירות און הרחקות און שמירת הברית, און אין אלע עניני קדושה. עס זענען דא וואס מיינען אז דאס איז פונקט ווי אנדערע, וואס האבן שטארקע זהירות אין אנדערע ענינים, צב״ש לשה״ר וכדו׳, אבער עס נישט אזוי! אדרבא, ביי חסידים האט מען נישט געגליכן קיין איבעריגע פרומקייטן צו מען האט יא יוצא געווען צו נישט, נאר אין די ענינים האט מען גאר שטארק מחמיר געווען. און מען דארף דאס פארשטיין, פארוואס בעניני קדושה האט מען יא געזוכט און מוסיף געווען הרחקות גאר אסאך.




## וואס ברענגט א מצוה פארן מענטש, און ווי אזוי?

נאר די ענין איז, ווייל ווי באקאנט פון זוה״ק, זענען די תרי״ג מצות עצות ווי אזוי צוצוקומען צו דביקות השי״ת, דעריבער האבן חסידים מקיים געווען אלע מצות, נישט בלויז יוצא צו זיין מצוות ה׳, נאר אויך מיטן מחשבה דורך דעם זיך מדבק זיין בהשי״ת, צו ערפילן רצון ה׳ אז מיר זאלן ווערן דבוק צו אים. און דערוועגן האט מען זיך זייער דערווייטערט פון יעדן גשמיות וחומר, ווייל ס׳איז נישטא נאך אזא זאך וואס רייסט אפ, און שטערט דביקות בה׳, ווי זיין פארזינקען אין גשם וחומר, און כ״ש עניני טינופת ח״ו.

**און מ׳זעהט דאס בחוש ביי חסידישע אינגעלייט וואס זענען מקיים תורה ומצות מיט הארץ און געפיל, און ווילן זוכה זיין צום ״ולדבקה בו״, פלוצלינג, זעען זיי זיך מגנה זיין הבלי עוה״ז, און זיין מער נזהר בשמירת עינים, און אין עניני קדושה, ווייל אז מ׳האט א רצון, און מ׳איז זוכה צו עפעס דביקות ה׳, פאלן ממילא אוועק גרינגערהייט אלע עניני גשמיות וואס פארשטעלן און זענען די שטערערס צו דעם דביקות.** כידוע דער הייליגער אהבת שלום זי״ע האט געזאגט אז פון אנהייב וואך לאזט זיך אים שוין נישט מגשם צו זיין, מחמת מורא ווי אזוי דעם קומענדיגן שבת וועט אויסזעהן.

## די שו״ע אויף קדושה

עס פרעגט זיך אמאל א קשיא, וויפיל איז די שיעור פון ״קדושים תהיו״, פארוואס איז נישטא קיין הלכות פסוקות אין שלחן ערוך, וויפיל מען מעג און וויפיל איז שוין א פגם?

און מ׳זעהט דאס בחוש ביי חסידישע אינגעלייט וואס זענען מקיים תורה ומצות מיט הארץ און געפיל און ווילן זוכה זיין צום "ולדבקה בו", פלוצלינג, זעהן זיי זיך מגנה זיין הבלי עוה"ז, און זיין מער נזהר בשמירת עינים, און אין עניני קדושה, ווייל אז מ'האט א רצון, און מ'איז זוכה צו עפעס דביקות ה', פאלן ממילא אוועק גרינגערהייט אלע עניני גשמיות וואס פארשטעלן און זענען די שטערערס צו דעם דביקות.

נאר באמת די שאלה איז נובע צוליב דעם וואס עס פעלט א קלארקייט אין די עצם מצוה, כאילו דאס איז נאך אן איסור, אויסער וואס עס איז אסור צו עסן טריפות בשר וחלב וכדו׳, איז אויך אסור צו עסן אן איבעריגע שטיקל מזונות, א טשאקאלאדע אא״וו, אבער דאס איז נישט ריכטיג! ווייל די נקודה

מדור זו נתנדב לע״נ הרבנית **רעכל ביינדל** בת הגה״ק רבי **משה** ע״ה

פון קדושה איז נישט צו טוהן בלויז נאך א מצוה, נאר די נקודה איז אז מען זאל אינגאנצן געהערן צו השי"ת, וויפיל יעדע מצוה איז מדבק א מענטש צו השי"ת, איז די מצוה פון קדושים תהיו נאך אסאך מער, עס איז מדבק דעם גאנצן מציאות פונעם מענטש אין השי"ת, אזוי ווי עס איז מבואר אין זוהר הקדוש אז אט די מצוה איז "כללית אורייתא כולה" און אין רמב"ן (פ' קדושים) שטייט אז עס איז כולל אלע תרי"ג מצוות, ווייל די פשט דערפון איז, וואו געהערסטו? צי געהערסטו צום אייבירשטן, און דו פרובירסט זיך צו מדבק זיין אין אים מער און מער, צי חס ושלום נישט, און יעדע זאך וואס א מענטש טוט, און וויפיל ער עסט נאר, און ער האט הנאה פון סיי וואס, דארף ער זיך פרעגן די שאלה, איך טוה דאס לתועלת עבודת השי"ת, און דאס ברענגט מיר נענטער צו אים אדער ח"ו פארקערט?

דערפאר האט מען ביי חסידים געלערנט אז די וועג פון התקדשות איז לאו דוקא פרישות לגמרי פון עולם הזה, אדרבא, די עיקר איז, צו וויסן ווי אזוי מ'באנוצט זיך מיט יעדע זאך, און וויאזוי מען גייט צו דערצו, און עס קען זיין די זעלבער זאך וואס קען ח"ו אראפפירן א מענטש צו די נידריגסטע מקומות, ווען מ'נוצט עס אויפן ריכטיגן וועג איז עס גאר א כלי דורך דעם זיך מדבק זיין אין השי"ת.

(אודאי ווילאנג מ'איז דבוק אין חומריות און אין גשם קען מען נישט אמת'דיג מבחין זיין און פארשטיין ווי אזוי צו ניצן ריכטיג א דבר גשמי, נאר מ'דארף זיך פורש זיין און זיך צוריק האלטן דערפון, און קענען שולט זיין אויף די תאוות און זיך מתגבר זיין דערויף, אבער מ'דארף צו וויסן אז יעדע זאך האט השי"ת באשאפן זיך צו קענען דערהייבן דערמיט)

און עס איז כדי צו צוצייכענען די מפרשי התורה, אויפן פסוק "**ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם**" דער אבן עזרא, ספורנו, אור החיים הקדוש, אלע זענען דערין מאריך אז דאס נאכגעבן זיך די תאוות איז א חלק פונעם לא תעשה, און דאס שטערט אנצוקומען צום והייתם קדושים לאלקיכם, און אזוי שרייבט אויך דער חינוך און מצוה שפ"ז, "ובכלל זנות הוא מי שהוא רודף אחר תאוות העולם, מבלי שיכוון בהם כלל לכוונה לטובה".

> די נקודה פון קדושה איז נישט בלויז צו טוהן נאך א מצוה, נאר דאס זאגט דער עצם מהות פון א איד, מופרש ומובדל פון עוה"ז און טוט אינגאנצן געהערן צו השי"ת. וויפיל יעדע מצוה איז מדבק צו השי"ת, איז די מצוה פון קדושים תהיו אסאך מער, עס איז מדבק דעם גאנצן מציאות פונעם מענטש צו השי"ת, דערפאר איז מבואר אין זוה"ק אז אט די מצוה איז כולל אין זיך אלע תרי"ג מצוות.

און דעריבער איז פון זיך אליינס פארשטענדליך, אז עס איז נישט שייך צו זאגן, וואס איז שלעכט מיט א קליינע תאוה'לע צומאל, אפשר אביסל מעג מען יא, וויבאלד דאס איז נישט קיין פרטות'דיגע ענין נאר דאס רירט אן די עצם קשר צו השי"ת, אזוי ווי יעדער פארשטייט אז מען קען נישט מקדש זיין א פרוי נישט אינגאנצן, אפילו חוץ איין פינגער, דאס איז נישט קיין קידושין, קידושין איז ווען מען איז געבט זיך איבער אינגאנצן פארן אנדערן, אזוי אויך יעדע קלייניג'קייט וואס בלייבט אינדרויסן און ווערט נישט מקודש צום אייבירשטן איז א מורא'דיגע פעלער, און דאס איז אונזער גאנצע עבודה א גאנץ לעבן, זיך מקדש צו זיין מער און מער צום אייבירשטן.

## מדת היסוד

ובפרטיות האבן רבותינו הק' גאר שטארק מעורר געווען איבערן פגם במדת היסוד, מדת היסוד איז דער באדייט, דער תענוג און התקשרות וואס מ'האט צו דער ענין וואס מ'איז יעצט עוסק דערין, און אז מ'איז דערין פוגם איז פשט, אז די מחשבות לא טהורות נעמען אינגאנצן איבער דעם מענטש פון אויבן ביז אינטן, און ער איז מקושר און שעפט תענוג פון דברים אסורים, און דורכדעם ווערט מען חלילה אפגעריסן פון מקור הקדושה, און ווערט ח"ו א כלי קיבול פאר די משחיתים און מזיקין ר"ל, אנשטאט דער מענטש זאל זיין א כלי קיבול פאר די קדושה פון השי"ת.

## עבודת השובבי"ם למעשה

תיקוני שובבי"ם איז ווי אויבנדערמאנט, הן אפצומעקן די כתמי עוונות - און הן זיך אויסצולייטערן דעם חומר, נתקדש צו ווערן פאר א כלי הראוי לקבל שפע קודש פון השי"ת.

און צו דעם דארף די ערשטע זאך זיין קלאר די כוונה און די שאיפה וואס מ'וויל דערגרייכן, "סוף מעשה במחשבה תחלה", און דאס איז, אז אלע אונזערע פעולות אויף דער וועלט, איז כדי אונז נענטער צו ברענגן צום אייבערשטען, נישט צו זיין א נפרד נאר צו זיין ווי מער מחובר צו אים, און ווען מ'לייגט צו די מחשבה צו יעדע זאך דעמאלטס וועט עס ברענגן צום ריכטיגער תכלית.

און פון די גרעסטע תיקונים וואס איז פאר אונז שייך, איז יגיעת התורה, דאס איז מזכך דעם מענטש, און דאס איז דער ענין פון לימוד שעות רציפות, וואס דאס איז א יגיעה עצומה אין די תורה כדי מזכך צו זיין דער גוף, און דורך יגיעה אין עבודת התפלה.

און נאך אן אופן פון הזדככות איז – צו צוגיין צו יעדן דבר גשמי מיט אן הכנה! דאס מיינט, נישט זיין פארזינקען אין הנאת עוה"ז, לדוגמא: תאות אכילה, ווען מ'גייט צום עסן מיט אן הכנה, עסט מען נאר וואס מ'דארף און וויפיל מ'דארף צו קענען דינען השי"ת, א.א.וו. ביי יעדער הנאת עוה"ז, און מיט די ריינע כוונה, און אן הכנה בעפאר, דעמאלטס טוט יעדער דבר גשמי אויך מקדש זיין דעם מענטש צום אייבערשטען.

און יעדעס ביסל קדושה וואס מ'איז כסדר מוסיף מער, דאס איז דער יציאת מצרים, וואס מיר גייען ארויס, אונז צו ברענגן נענטער צו דערגרייכן דעם ציל, אז מיר זאלן קענען אינגאנצן געהערן פאר השי"ת, עס זאל קענען אריינשיינען אין אונז דעם אנכי ה' אלקיך.


בפיך ובלבבך לעשותו
ווי אזוי?
הערט א שטארקע יסודות'דיגע שיעור
אויפן יושבי אוהל שיעורים ליין
דורך הרה"ג ר' יחזקאל ווייס שליט"א
ביי די אפטיילונג פון זיינע שיעורים 1-1-6-6#
און וועלט אויס די שיעור פון פרשת בשלח 105#

תורה מפוארה בכלי מפואר
הננו בזה להודות להוצאת ספרים מכון "סוד ישרים" שבנדבת לבם פתחו לנו אוצרם שנוכל להדפיס את
ספר הקדוש
סידורו של שבת
חלק ב'
העומד לצאת לאור עולם
בעריכה חדשה ומפוארת
בתוך הקונטרס "לומדת יראתך"
זכותם של הלומדים יעמוד להם שתשרה שכינה בכל מעשה ידיהם
וברכות שמים מעל להאי גברא יקירא שזכה וזיכה את הרבים בנדבת לבו הוצאת הדפוס של הקונטרס
הרה"ח מו"ה משה שמואל פרענקל הי"ו
ויהא חלקו עם מזכי הרבים וימלא ה' משאלות לבו לטובה תמיד
האנדלט אייך איין דעם הערליכן קונטרס "לומדת יראתך"
אין די בתי מדרשינו און היכלי הכוללים

שמעו ותחי נפשכם!
הערליכע קלארע שיעורים
אין די ספרים הקדושים
פארגעלערנט טעגליך לויטן סדר החבורה
יושבי אוהל טעל. 718.303.0110 #6
התאחדות אברכים טעל. 718.682.2020#8

פרנס הגליון
נתנדב ע"י הרבני הנכבד
ר' ישעי' לעווי הי"ו
אב"י בוויליאמסבורג

# רעאַקציעס

**בריוו און מעסעדזשעס**
וואס זענען אנגעקומען צום מערכת

לכבוד העסקנים החשובים העוסקים במלאכת הקודש בנאמנות ומסירת נפש,

איך שרייב מיינע ווערטער אלס הודאה על העבר, ובפרטיות אויף די הערליכע שיעורים אין די ראמען פון די שיעורי התבוננות במצות ה׳ ודרכי העבודה, דורך הרה״ג ר׳ יחזקאל שטיין שליט״א, אויף די כונה און מהות פון ברכות, מ׳כאפט אליינס נישט וויפיל מ׳איז ארומגענומען דערמיט איבערן גאנצן טאג, און מיט אזויפיל אנדערע קאלירן, ברכת השבח, ברכת הודאה, ברכת הנהנין, ברכת המצות, און אז מ׳הייבט אן מתבונן זיין דערין עפענט זיך אויף א וועלט, יעדע איינע האט זיין משמעות, און עס טוישט דעם גאנצן צוגאנג דערצו, און דערהייבט דעם גאנצן מענטש.

און איך וויל אבער אויך בעטן א בקשה על העתיד, מ׳זאל ממשיך זיין ווייטער, מיטן אדורך גיין די ברכות שמו״ע, די עיקר געבוי און צאמשטעל פון יעדע ברכה, עס וועט זייער אסאך צוגעבן און אויפהייבן דעם גאנצן עבודת התפלה.

יישר כח

(-) מאנסי

•••

נאך זייענדיג אינטערן רושם, וויל איך אלס הכרת הטוב איבערגעבן מיין פערזענליכע איבערלעבעניש. איך געפון זיך יעצט וועגן צרכי רפואה אין א פלאץ ווי עס איז נישט אזוי מסודר מיט אלע רוחניות׳דיגע געברויכן, האב איך זיך זייער געפרייט צו טרעפן דא דעם ספה״ק מאור עינים, וואס איך האב לעצטענס אנגעהויבן מיטלערנען מיטן סדר החבורה, איז געווען איין נאכט וואס איך נישט געקענט פארמאכן קיין אויג, האב איך גענומען דעם מאור עינים אין די האנט און אנגעהויבן לערנען פרשת בראשית, האב איך אדורך געלערנט דעם באקאנטן צווייטן מאמר, ווי ער איז גאר שטארק מאריך אין די גרויסקייט פון מצות קידוש לבנה, וואס דאס ברענגט אלס פארן מענטש, און ווי אזוי מ׳דארף עס אפרעכטן, נאכן אדורכלערנען, כאפ איך זיך, אז זייענדיג אין דעם מקום, האב איך די חודש פארגעסן מחדש צו זיין די לבנה, קוק איך אריין אין לוח, זעה איך אז היינט איז די לעצטע נאכט און איך האב נאך נאר געציילטע מינוטן וואס מ׳קען נאך מאכן קידוש לבנה. אוי איז דאס געווען א קידוש לבנה, און א געוואלדיגע חיזוק אנצוהאלטן ווייטער.

•••

איך רוף דא פון בארא פארק. איך בין זיך באמת מחי׳ יעדן טאג מיט די הערליכע שיעורים אוןביידע ספרים, זייענדיג אסאך אויף די וועגן האב איך די מעגליכקייט מיטצוהאלטן די שיעורים, סיי אין מאור עינים און סיי אין סידורו של שבת, אזעלכע רייכע שיעורים מיט אזויפיל געשמאק און קלארקייט, און עקסטער נאך די שיינע הוספות דערצו, איך האב אבער נישט געוואוסט אז עס קומט ארויס א גליון אויך, נאר יעצט האט מיר אייינער געוויזן דעם גליון, שוין דער זעקסטער גליון, איך האב עס אין בארא פארק נאכנישט געזען, וויל איך פשוט בעטן מ׳זאל אונז אויך מזכה זיין דערמיט, און עס פארשפרייטן דא ביי אונז אויך.

יישר כח

## טעם עדן | מאור עינים

המשך מעמוד א׳

אידן האבן באקומען די מן האבן זיי באקומען דעם כח צו קענען אויפטוען מיט זייער כח הדיבור, און דער כח ליגט אין אונזערע הענט ביז היינט.

די צוויי ענינים גייען באמת אינאיינעם און ברענגט ארויס די הגדרה פון די מן, אז דאס איז געווען א מדריגה אין כלל ישראל, כלל ישראל איז דאן נתעלה געווארן אין א מדריגה זיך צו קענען מדבק זיין אין די שרש פון יעדע זאך, און די רוחניות׳דיגע חלק וואס ליגט אין יעדער דבר גשמי, און דערמיט אויך קענען ממשיך זיין פרישע השפעות.

**זאגט אונז דער מאור עינים זי״ע, כדי זוכה צו זיין צו דעם גרויסן מדריגה, האט אויסגעפעלט אז מען זאל אדורך גיין דעם מעמד פון קריעת ים סוף, און זינגען שירה פארן אייבערשטן.** ווען די ים סוף איז געשפאלטן געווארן האבן די אידן זוכה געווען צו א שלימות האמונה וואס מען האט נאכנישט זוכה געווען ביי **יציאת מצרים**, ווייל בשעת **יציאת מצרים** איז בלויז נתגלה געווארן אז השי״ת פירט דעם וועלט, און ער איז משגיח, און מעניש די וואס טשעפענען די אידן, אבער עס איז נאך געבליבן כוחות, רכב ופרשים אין לאנד מצרים, און עס האט נאך אויסגעקוקט אז עס איז דא א טבע הבריאה ווי אזוי די וועלט פירט זיך, מה שאין כן **קריעת ים סוף** האט געהאט די איינע תכלית, צו ציינגן אז עס איז בכלל נישט פארהאן קיין טבע הבריאה, און קיין אנדערע מציאות אויסער רצון ה׳, עס איז נישטא קיין אונטערשייד צווישן ים און יבשה, אלעס איז איינס לויט וויאזוי השי״ת באפעלט. ווען כלל ישראל איז אדורך געגאנגען דעם ים סוף, איז דאס געווען אן הזדככות, קלאר צו ווערן און שטייגן אין דרגות האמונה, וויאזוי אנצוקוקן יעדע דבר גשמי אויף דער וועלט, און אזוי האבן זיי געזינגען א נייע שירה, **שירה חדשה שבחו גאולים** און באקומען א נייע בליק אויף די גאנצע טבע העולם אז עס איז באמת נישט מער ווי דער אלופו של עולם וואס איז באהאלטן אין יעדע זאך וואס עס קוקט אויס ווי **טבע**.

[דערפאר דווקא פון דא ביי קריעת ים סוף לערנען חז״ל ארויס מכאן לתחיית המתים מן התורה, אז אפילו די גופות ישראל וואס קוקט בחיצוניות אויס ווי א דבר גשמי ונפרד האט כלל ישראל יעצט משיג געווען אז דאס וועט אויפשטיין תחיית המתים, ווייל באמת איז אלעס א שטיק הייליג׳קייט.]

אט מיט דעם דרגא און אמונה, האט כלל ישראל געקענט זוכה זיין צו די השפעה קדושה פון מן, צו קענען משיג זיין אין יעדע סארט הנאה פון עולם הזה דער כח הרוחני וואס איז דערין, די רצון ה׳ וואס איז עס מחי׳, און זיך מדבק זיין אין די רוחניות׳דיגער חלק פון יעדן דבר גשמי, און זיך דערהייבן דערמיט צום אייבערשטן.

די גרויסע השפעה פון די מן און די עבודה דערפון איז א נצחיות, און ווען א איד האט די זכייה, קען ער זיך דערהייבן צום אייבערשטן פון יעדע זאך אין דער וועלט, נאר צום ערשט דארף מען קודם אדורך גיין דעם ים און זוכה זיין צו אן הזדככות האמונה, און דערפאר האבן חז״ל מתקן געווען צו זאגן די **שירת הים** יעדן איינציגן טאגביים דאווענען, מיט די ריכטיגע כוונה און שמחה, און דערנאך זיך שטעלן דאווענען שמונה עשרה און בעטן אלע געברויכן וואס מיר דארפן, ווייל נאכן זאגן **שירת הים** מיט די ריכטיגע כוונה, ווערט נתעורר פאר אונז די ענין פון מן, און יעצט האבן די אלע געברויכן א נייע באדייט, צו זיין דבוק אין די שורש און כח הרוחני פון יעדע זאך אונז צו ברענגען צום ריכטיגן תכלית, און מיר וועלן האבן די כח מיט אונזער דיבורי תפלה צו קענען מעורר זיין פרישע גרויסע השפעות.

## סדר השיעורים בחודש טבת

במסגרת השיעורי התבוננות במצות ה׳ ודרכי העבודה

### המשך סדר התפלה

**הרה״ג דוד הירשלער שליט״א** - יסוד הענין בברכת קרי״ש, וג׳ יסודות האמונה שכנגדם מתוקנים הג׳ ברכות, פירוש וביאור נוסח ברכת יוצר אור,

**הרה״ג בנציון אפפעל שליט״א** - יסוד הענין בברכת קרי״ש לזכך כח השכל שבאדם שיוכל לקבל עומ״ש שלימה, וג׳ אופני הנהגת העולם שכנגדם מתוקנים הג׳ ברכות, מצות קריאת שמע כהכנה לתפלה,

**הרה״ג יחזקאל שרגא שטיין שליט״א** - סדרת השיעורים במהות וענין "ברכות" - וענין אמירת אמן אחר הברכה

**שיחות החברים** - בענין כוונת התפלה, מצוות אהבת ישראל, צפית לישועה, ימי השובבי״ם

מ׳קען זיך איינצושרייבן צו די שיעורים דורכן אטאמאטישן סיסטעם אויפן ישבי אוהל שיעורים ליין 718-303-0110 #6-8
אדער לאזן א מעסעדזש פאר די גבאים אויף 6-9#

### פרשת ויחי

| יום | ספר חובת הלבבות | ספר סידורו של שבת | ספר מאור עינים |
|---|---|---|---|
| א | עד ע״כ קבל | עד עלה יא | וזהו מה שנאמר |
| ב | עד על כן התיחד | עד סוף שורש ט׳ | וזהו ושמרו |
| ג | עד סוף הפרק | הקדמה לח״ב - עלה ד | עד סוף המאמר |
| ד | פ״ד - כי כאשר תעשה | עד עלה ח | ד״ה כל המענג - ונודע |
| ה | סוף הפרק | עד עלה יא | עד וע״כ ג״כ אמרו |
| עש״ק - שב״ק חזרה | | | |

### פרשת שמות

| יום | ספר חובת הלבבות | ספר סידורו של שבת | ספר מאור עינים |
|---|---|---|---|
| א | פ״ה | המשך הקדמה - עלה יז | עד סוף המאמר |
| ב | פ״ו | עד עלה כא | ד״ה ראו קרא |
| ג | שער הפרישות פתיחה - פ״א אך אפני | עד עלה כה | ד״ה קחו מאתכם- ובאמת |
| ד | סוף הפרק | עד עלה כח | עד וזהו פרשה קטנה |
| ה | ב׳ - ושניהם בענינו | עד סוף הקדמה | עד והנה ממעשי |
| עש״ק - שב״ק חזרה | | | |